# SNAP און קעש הילף בענעפיט סקימינג ערזעצונג אפט געפרעגטע פראגעס

אויב אייערע SNAP אדער קעש בענעפיטן זענען עלעקטראניש גע'גנב'עט געווארן, קענט איר יעצט אריינגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען די גע'גנב'עטע בענעפיטן. אייערע בענעפיטן קענען ווערן גענצליך אדער טיילווייז צוריקגעגעבן.

**באמערקונג:** דאס פעדעראלע אויטאריטעט וואס ערלויבט צוריקצובאקומען גע'סקימ'טע (עלעקטראניש גע'גנב'עטע) SNAP בענעפיטן ענדיגט זיך סעפטעמבער 30, 2024. DSS טאר נישט צוריקגעבן קיין SNAP סקימינג בענעפיטן פאר א גניבה וואס פאסירט נאך סעפטעמבער 30, 2024. איר קענט נאך אריינגעבן קלעימס צו צוריקבאקומען גע'סקימ'טע SNAP בענעפיטן נאך סעפטעמבער 30, ווילאנג די גניבה האט פאסירט אויף אדער איידער סעפטעמבער 30 און די קלעים ווערט אריינגעגעבן ביז 30 טאג נאך וואס איר זענט געווואר געווארן אז די בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס אפעקטירט נישט קלעימס פאר גע'סקימ'טע קעש הילף בענעפיטן.

***וואס איז עלעקטראנישע בענעפיט גניבה (אויך באקאנט אלס "סקימינג" "פישינג" אדער "קארד קלאונינג")?***

סקימינג איז א סארט גניבה. גנבים לייגן א דעווייס אויף א געשעפט'ס קארטל-אריבערפירונג מאשין צו איבערנעמען EBT, קרעדיט, און דעביט קארטל אינפארמאציע. די גנבים נוצן די אינפארמאציע צו מאכן פאלשע קארטלעך (אנגערופן "קלאונס") און נוצן זיי צו גנב'ענען געלט פון אקאונטס. סקימינג קען פאסירן איבעראל וואו איר סווייפט אייער EBT קארטל. אייערע בענעפיטן קענען ווערן גע'גנב'עט דורך סקימינג אפילו אויב אייער EBT קארטל איז אלעמאל געווען מיט אייך.

פישינג איז אן אנדערע סארט געדאנק וואו גנבים נארן אריין מענטשן צו קליקן אויף א לינק (געווענליך געשיקט דורך א טעקסט אדער אימעיל) וואס ערלויבט זיי צו באקומען צוטריט צו אייער אקאונט אינפארמאציע.

***וואס זאל איך טון אויב מיינע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן?***

עס קען אייך זייער שטארק שטערן אדער דערשרעקן אויב אייערע בענעפיטן ווערן גע'גנב'עט. אבער עס זענען דא שריט וועלכע איר קענט נעמען צו פארמינערן אייער אויסגעשטעלטקייט און אריינגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן.

<u>שריט 1. באריכט אייער קארטל אלס גע'גנב'עט.</u> אויב איר באמערקט אז אייערע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן, מוזט איר באריכטן אייער EBT קארטל אלס גע'גנב'עט. צו באריכטן אייער קארטל אלס גע'גנב'עט, בעטן א נייע קארטל, און טוישן אייער PIN, ביטע גייט צו https://www.ebtedge.com/ אדער רופט EBT קאסטומער סערוויס אויף 888-328-6399. איר וועט נישט צוריקבאקומען קיין בענעפיטן אויב איר באריכט נישט אז אייער EBT קארטל איז גע'גנב'עט געווארן. **נעמט אין אכט:** ebtedge.com איז יעצט נאר אוועילעבל אין ענגליש. די EBT קאסטומער סערוויס ליניע וועט אייך בעטן אריינצולייגן די לעצטע פיר ציפערן פון אייער EBT קארטל נומער - דערנאך, וועט איר קענען באקומען סערוויסעס אין אראביש, מאנדארין, ענגליש, העישען-קרעאל, איטאליעניש, רוסיש, און שפאניש.

<u>שריט 2. באקומט אייער EBT טראנזאקציע היסטאריע.</u> אריינצוגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן, מוזט איר עקסטער באריכטן די דאטום, לאקאציע, און סומע פון יעדע אינדיווידועלע טראנזאקציע וואס איז געשווינדלט געווארן. דאס זענען טראנזאקציעס וואס איר אליינס האט נישט געמאכט, נאר זיי זענען געמאכט געווארן דורך דער וואס האט גע'גנב'עט אייער קארטל'ס אינפארמאציע.

**וויאזוי צו באקומען אייער EBT היסטאריע:**

עס זענען דא עטליכע וועגן צו באקומען די היסטאריע פון אייער EBT טראנזאקציעס. וועלט אויס דאס וואס איז די גרינגסטע פאר אייך:




- **ערשטע אויסוואל:** איבערקוקן אייער EBT היסטאריע אויף [ebtedge.com/](ebtedge.com/) אדער דורך דאונלאודע'ן די ebtEDGE מאבייל אפפ (אוועילעבל צו דאונלאודע'ן אינעם Apple App געשעפט און Google Play געשעפט); אדער
- **צווייטע אויסוואל:** רופן דעם אומזיסטע EBT קאסטומער סערוויס ליניע אויף 1-888-328-6399. איר קענט אויך נוצן די הילפסליניע צו הערן אייער לעצטע צען טראנזאקציעס אויפ'ן אויטאמאטישע מעניו אדער בעטן א געדרוקטע צוויי-מאנאטיגע סטעיטמענט פון אייער אקאונט היסטאריע דורך די אויטאמאטישע מעניו אדער פון א קאסטומער סערוויס פארשטייער. איר קענט אויך איבערקוקן אייערע טראנזאקציעס מיט א קאסטומער סערוויס פארשטייער. פאר טראנזאקציעס וואס זענען מער פון 15 מאנאטן אלט, וועט איר מוזן רעדן מיט א פארשטייער.

אייער EBT היסטאריע וועט מערסטנס פארמאגן טראנזאקציעס וואס איר געדענקט אז איר האט זיי געמאכט - אזויווי איינקויפן אין אייער געווענליכע גראסערי געשעפט. אבער איר קענט אויך זען טראנזאקציעס וועלכע קוקן אויס מאדנע - געשעפטן וואו איר האט קיינמאל נישט איינגעקויפט, מעגליך אפילו אין שטעט וואו איר זענט קיינמאל נישט געווען. אזעלכע סארט טראנזאקציעס קענען אנדייטן עלעקטראנישע בענעפיט גניבה (שווינדל). איר וועט דארפן באריכטן די דאטום, לאקאציע, און סומע פון יעדע געשווינדלטע טראנזאקציע אריינצוגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן.

שריט 3. געבט אריין א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן.

איינמאל איר האט געטראפן וועלכע טראנזאקציעס זענען געשווינדלט געווארן, זענט איר גרייט אריינצוגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן.

עס זענען דא עטליכע וועגן אריינצוגעבן א קלעים:

1. אנליין: באזוכט nyc.gov/hra

אריינגעבן א קלעים **אנליין איז די שנעלסטע, גרינגסטע וועג! DSS מוטיגט שטארק אז איר זאלט אריינגעבן א קלעים אנליין, אויב מעגליך.**

2. פאסט: צו באקומען א פאפירענע קלעים בויגן, קענט איר:

- ארויסדרוקן א קלעים בויגן וואס געפינט זיך אויף nyc.gov/hra אדער
- רופן אינפאליניע [718-557-1399] און בעטן אז מען זאל אייך שיקן א בויגן אויף פאסט.
- באזוכן אייער לאקאלע צענטער

איר קענט אריינשיקן אן אויסגעפולטע פאפירענע קלעים בויגן אויף פאסט צו:

Department of Social Services
P.O. Box 02-9121
Brooklyn GPO, Brooklyn, NY 11202

אריינגעבן א פאפירענע קלעים בויגן, איבערהויפט צו בעטן אז א בויגן זאל געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט, איז די שטייטסטע וועג, און עס קען דערפאר נעמען לענגער פאר DSS צו באקומען אייער קלעים און צוריקגעבן בענעפיטן.

3. פערזענליך: איר קענט באזוכן אייער בענעפיטן צוטריט צענטער, SNAP צענטער, אדער HASA צענטער. איר קענט טרעפן SNAP און BAC צענטערן אויף [nyc.gov/hra](http://nyc.gov/hra) (אונטער די 'לאקאלן' טעב).

### ***וועלכע אינפארמאציע וועל איך דארפן אריינצוגעבן א קלעים?***

איר וועט דארפן:

1 . אייער קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) און קעיס נומער.
2 . אייער יעצטיגע פאסט אדרעס.
3 . די דאטום, לאקאציע, און סומע פון יעדע געשווינדלטע טראנזאקציע.

אויב מען האט גע'גנב'עט סיי SNAP און סיי קעש בענעפיטן פון אייך, מוזט איר זיי באריכטן אויף'ן זעלבן קלעים בויגן. עס וועלן זיין עקסטערע אפטיילונגען פונעם בויגן כדי די טראנזאקציעס זאלן זיך נישט אויסמישן.

### ***וואס איז מיין קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN)?***

אייער קליענט אידענטיפיקאציע נומער איז א 8-ציפערן קאוד וואס איז א געמיש פון אותיות און נומערן. איר קענט טרעפן אייער CIN אויף אייער EBT קארטל, אזויווי עס ווערט געוויזן אונטן. עס הייסט "ID נומער". יעדע מענטש אויף א קעיס האט זייער אייגענע CIN - אבער איר מוזט נוצן די CIN וואס שטייט אויף אייער EBT קארטל פאר די אפליקאציע צו קענען ווערן פראצעסירט, אפילו אויב די CIN געהערט צו א צווייטן אויף אייער קעיס.

קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) איז דא. עס הייסט "ID נומער".




### ***וויאזוי קען איך טרעפן מיין קעיס נומער?***

אייער קעיס נומער האט צען ציפערן. די ערשטע ניין ציפערן זענען נומערן, און די לעצטע איז אן אות. אייער קעיס נומער שטייט נישט אויף אייער EBT קארטל, אבער איר קענט טרעפן אייער קעיס נומער אויף יעדע מעלדונג וואס HRA האט אייך געשיקט איבער אייער קעיס, און איר קענט עס אויך טרעפן דורך אריינ'לאג'ען צו ACCESSHRA. אויב איר קענט נישט טרעפן אייער קעיס נומער, קענט איר אויך רופן אינפאליניע [718-557-1399] אדער באזוכן אייער צענטער.

***פארוואס דארף איך באשטעטיגן אז איך האב באריכטעט מיין קארטל אלס פארלוירן אדער גע'גנב'עט?***

HRA וויל מאכן זיכער אז אייער אקאונט איז מער נישט אין געפאר, און אז סיי וועלכע צוריקבאקומענע געלטער וועלכע ווערן ארויפגעלייגט אויף אייער קארטל וועלן נישט נאכאמאל גע'גנב'עט ווערן. די אנווייזונגען אויבן, און די אנווייזונגען אויפ'ן קלעים בויגן, קענען אייך ווייזן די וועג אדורך די פראצעדור פון באריכטן אייער קארטל אלס גע'גנב'עט.

***וויאזוי פול איך אויס די רעשטע פונעם קלעים בויגן?***

עס זענען דא עטליכע סיכום פראגעס צו ענטפערן איידער איר שרייבט אייער אינדיווידועלע גע'גנב'עטע טראנזאקציעס.

**קעש בענעפיטן:** די ערשטע אפטיילונג איז איבער גע'גנב'עטע קעש בענעפיטן. אויב איר האט נישט געהאט קיין שום קעש הילף בענעפיטן וואס זענען גע'גנב'עט געווארן, ביטע לאזט אויס דעם אפטיילונג. פאלגנד איז א ליסטע פון די פראגעס און אנווייזונגען.

- **דאטום וואס איך האב באמערקט אז מיינע קעש בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די דאטום ווען איר האט ערשט באמערקט אז אייערע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס מוז נישט זיין די דאטום ווען די גניבה איז פארגעקומען. די דאטום זאל נישט זיין איידער די דאטום פון די געשווינדלטע טראנזאקציעס. **אויב איר ווייסט נישט די פונקטליכע דאטום, זאלט איר אויסלאזן דעם פראגע.** אויסלאזן דעם פראגע וועט נישט פאראורזאכן אז אייער קלעים זאל ווערן אפגעווארפן.
- **ערשטע דאטום ווען קעש בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די ערשטע דאטום אין אייער טראנזאקציע היסטאריע וואו איר זעט א געשווינדלטע טראנזאקציע. צום ביישפיל, אויב איר זעט געשווינדלטע קעש טראנזאקציעס אויף אפריל 3, 2023 און אפריל 4, 2023, זאלט איר דא שרייבן אפריל 3, 2023. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע טראנזאקציעס אויף איין דאטום, שרייבט דא דעם דאטום. ביטע נעמט אין אכט אז קעש הילף טראנזאקציעס פון איידער יאנואר 1, 2022 קענען נישט צוריקגעגעבן ווערן, און זאלן נישט ווערן אויסגערעכנט.
- **לעצטע דאטום ווען קעש בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די לעצטע דאטום אין אייער טראנזאקציע היסטאריע ווי איר זעט א געשווינדלטע טראנזאקציע. צום ביישפיל, אויב איר זעט געשווינדלטע קעש טראנזאקציעס אויף מאי 5, 2023 און מאי 6, 2023, זאלט איר דא שרייבן מאי 6, 2023. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע טראנזאקציעס אויף איין דאטום, שרייבט דא דעם דאטום. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע טראנזאקציעס אויף איין דאטום, וועט אייער "ערשטע דאטום" און "לעצטע דאטום" זיין די זעלבע - דאס איז נישט קיין פראבלעם.
- **סך הכל קעש בענעפיטן וועלכע זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די סך הכל דאלאר סומע פון קעש הילף בענעפיטן וועלכע זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס זאל זיין די סך הכל (סומע) פון אלע געשווינדלטע קעש הילף טראנזאקציעס. צום ביישפיל, אויב איר באריכט איין געשווינדלטע קעש טראנזאקציע פון $300, און נאך א געשווינדלטע קעש טראנזאקציע פון $200, זאל אייער סכך הכל סומע דא זיין $500. עס איז זייער וויכטיג אז איר זאלט ריכטיג אויספולן די "סך הכל" פראגע.

**SNAP בענעפיטן:** די קומענדיגע אפטיילונג פרעגט איבער SNAP בענעפיטן. אויב איר האט נישט געהאט קיין שום SNAP בענעפיטן וואס זענען גע'גנב'עט געווארן, ביטע לאזט אויס דעם אפטיילונג. די אנווייזונגען דא זענען די זעלבע ווי פאר די קעש הילף אפטיילונג אויבן, נאר עס איז פאר SNAP אנשטאט קעש.

- **דאטום ווען איך האב באמערקט אז מיינע SNAP בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די דאטום ווען איר האט ערשט באמערקט אז אייערע SNAP בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס מוז נישט זיין די דאטום ווען די גניבה איז פארגעקומען. די דאטום זאל נישט זיין איידער די דאטום פון די געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס. **אויב איר ווייסט נישט די פונקטליכע דאטום, זאלט איר אויסלאזן דעם פראגע.** אויסלאזן דעם פראגע וועט נישט פאראורזאכן אז אייער קלעים זאל ווערן אפגעווארפן.

- **ערשטע דאטום ווען SNAP בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די ערשטע דאטום אין אייער טראנזאקציע היסטאריע ווי איר זעט א געשווינדלטע SNAP טראנזאקציע. צום ביישפיל, אויב איר זעט געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס אויף אפריל 3, 2023 און אפריל 4, 2023, זאלט איר דא שרייבן אפריל 3, 2023. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס אויף איין דאטום, שרייבט דא דעם דאטום. ביטע נעמט אין אכט אז SNAP טראנזאקציעס פון איידער אקטאבער 1, 2022 קענען נישט צוריקגעגעבן ווערן, און זאלן נישט ווערן אויסגערעכנט. ווי דערמאנט אויבן, טאר נישט DSS צוריקגעבן SNAP סקימינג בענעפיטן פאר א גניבה וואס פאסירט נאך סעפטעמבער 30, 2024. איר קענט נאך אריינגעבן קלעימס צו צוריקבאקומען גע'סקימ'טע SNAP בענעפיטן נאך סעפטעמבער 30, ווילאנג די גניבה האט פאסירט אויף אדער איידער סעפטעמבער 30 און די קלעים ווערט אריינגעגעבן ביז 30 טאג נאך וואס איר זענט געווארן געווארן אז די בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן.

- **לעצטע דאטום ווען SNAP בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די *לעצטע* דאטום אין אייער טראנזאקציע היסטאריע ווי איר זעט א געשווינדלטע SNAP טראנזאקציע. צום ביישפיל, אויב איר זעט געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס אויף מאי 5, 2023 און מאי 6, 2023, זאלט איר דא שרייבן מאי 6, 2023. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס אויף איין דאטום, שרייבט דא דעם דאטום. אויב איר זעט נאר געשווינדלטע SNAP טראנזאקציעס אויף איין דאטום, וועט אייער "ערשטע דאטום" און "לעצטע דאטום" זיין די זעלבע - דאס איז נישט קיין פראבלעם. **אבער, נאר SNAP בענעפיטן וועלכע זענען גע'גנב'עט געווארן איידער סעפטעמבער 30, 2024 וועלן קענען ווערן צוריקגעגעבן.**

- **סך הכל SNAP בענעפיטן וועלכע זענען גע'גנב'עט געווארן:** דאס איז די סך הכל דאלאר סומע פון SNAP הילף בענעפיטן וועלכע זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס זאל זיין די סך הכל (סומע) פון אלע געשווינדלטע SNAP הילף טראנזאקציעס. צום ביישפיל, אויב איר באריכט איין געשווינדלטע SNAP טראנזאקציע פון $400, און נאך א געשווינדלטע SNAP טראנזאקציע פון $300, זאל אייער סכך הכל סומע דא זיין $700. עס איז זייער וויכטיג אז איר זאלט ריכטיג אויספולן די "סך הכל" פראגע.

**באמערקונג:** איר זאלט <u>נישט</u> צוזאמרעכענען SNAP און קעש בענעפיטן פאר איין "סך הכל". צום ביישפיל, אויב איר האט געהאט $400 פון קעש בענעפיטן וואס איז גע'גנב'עט געווארן, און $500 פון SNAP בענעפיטן וואס איז גע'גנב'עט געווארן, זאל אייער "סך הכל" זיין $400 קעש אין די קעש הילף אפטיילונג און $500 פון SNAP אין די SNAP אפטיילונג - <u>נישט</u> $900 אין סיי וועלכע אפטיילונג.

***מוז איך אויספולן די באשטעטיגונג טייל אין די לעצטע אפטיילונג?***

יא - אייער קלעים וועט נישט ווערן אנגענומען אויב איר צייכנט נישט דעם קעסטל צו באשטעטיגן די פונקטליכקייט און אמת'דיגקייט פון אייער קלעים.

***וואס איז אויב מיין קעיס איז פארמאכט געווארן?***

איר מוזט נישט האבן אן אקטיווע SNAP אדער קעש הילף קעיס צו זיין בארעכטיגט צוריקצובאקומען בענעפיטן. אויב עס איז באשטעטיגט געווארן אז אייערע בענעפיטן זענען עלעקטראניש גע'גנב'עט געווארן צום ביישפיל דורך סקימינג, קלאונינג, דריטע פארטיי פאלשע פארטרעטונג, אדער אנדערע ענליכע שווינדלערישע מיטלען אזויווי פישינג, קענט איר זיין בארעכטיגט צו צוריקבאקומען בענעפיטן אפילו אויב אייער קעיס איז שוין פארמאכט געווארן. אויב איר ווערט בארעכטיגט צו צוריקבאקומען בענעפיטן, וועלן זיי ווערן ארויפגעלייגט אויף אייער EBT קארטל פאר אייך צו נוצן אפילו אויב אייער קעיס איז שוין פארמאכט געווארן. איר דארפט זיך נישט נאכאמאל איינגעבן פאר SNAP אדער קעש הילף כדי צו באקומען צוטריט צו די צוריקבאקומענע בענעפיטן.

***וועלן אלע מיינע גע'גנב'עטע בענעפיטן ווערן צוריקגעגעבן?***

עס ווענדט זיך. פאר ביידע סארטן בענעפיטן, איז די בענעפיט וואס איר קענט זיין בארעכטיגט צו צוריקבאקומען אדער די סומע פון SNAP אדער קעש הילף וואס איז גע'גנב'עט געווארן, אדער א סומע וואס איז ווי צוויי (2) מאל די SNAP אדער קעש הילף בענעפיטן וועלכע איר האט באקומען אין די לעצטע פולע מאנאטן ווען איר האט באקומען SNAP אדער קעש איידער אייערע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן, **וועלכע עס איז ווייניגער.**

***ווי לאנג וועט עס נעמען צו באקומען מיינע בענעפיטן נאך וואס איך געב אריין א קלעים?***

עס זיין פארשידענע פראצעסירונג לענג. אויב איר ווערט בארעכטיגט צו צוריקבאקומען בענעפיטן, זאלט איר ביטע ערלויבן ביז 4 וואכן פאר די צוריקבאקומענע בענעפיטן צו ווערן ארויפגעלייגט אויף אייער קארטל און צו באקומען א מעלדונג אויף פאסט איבער אונזער באשלוס. איר דארפט נישט אריינגעבן נאך א קלעים אין צייט וואס אייער קלעים ווערט פראצעסירט - אריינשיקן נאך א קלעים וועט נישט העלפן אז אייער קלעים זאל ווערן פראצעסירט שנעלער.

***ווי לאנג נאך איך אנטדעק א גניבה האב איך אריינצוגעבן א קלעים צו צוריקבאקומען בענעפיטן?***

סיי פאר SNAP און פאר קעש, מוזט איר אריינגעבן א קלעים צוריקצובאקומען בענעפיטן ביז 30 טעג פון ווען איר אנטדעקט אז אייערע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס מיינט אז אויב די "דאטום פון אנטדעקונג" וואס איר שרייבט אויף אייער קלעים איז מער ווי 30 טעג צוריק, וועט אייער קלעים ווערן אפגעווארפן. אבער - אויב איר ווייסט נישט די פונקטליכע דאטום ווען איר האט עס אנטדעקט, קענט איר אויסלאזן דעם פראגע. אויסלאזן דעם פראגע וועט נישט פאראורזאכן אז אייער קלעים זאל ווערן אפגעווארפן.

**באמערקונג:** דאס פעדעראלע אויטאריטעט וואס ערלויבט צוריקצובאקומען גע'סקימ'טע (עלעקטראניש גע'גנב'עטע) SNAP בענעפיטן ענדיגט זיך סעפטעמבער 30, 2024. DSS טאר נישט צוריקגעבן קיין SNAP סקימינג בענעפיטן פאר א גניבה וואס פאסירט נאך סעפטעמבער 30, 2024. איר קענט נאך אריינגעבן קלעימס צו צוריקבאקומען גע'סקימ'טע SNAP בענעפיטן נאך סעפטעמבער 30, ווילאנג די גניבה האט פאסירט אויף אדער איידער סעפטעמבער 30 און די קלעים ווערט אריינגעגעבן ביז 30 טאג נאך וואס איר זענט געוואר געווארן אז די בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן. דאס אפעקטירט נישט קלעימס פאר גע'סקימ'טע קעש הילף בענעפיטן.

עס איז דא איין אויסנאם צו די 30 טעג אנווייזונג: באריכטן געשווינדלטע טראנזאקציעס פון בעפאר אוגוסט 21, 2023. פאר SNAP צוריקגייענדע קלעימס מיט גניבה דאטומס פון אקטאבער 1, 2022 און קעש הילף צוריקגייענדע קלעימס מיט גניבה דאטומס פון יאנואר 1, 2022 ביז אוגוסט 21, 2023, דארפן הויזגעזונדער אויספולן און אריינשיקן די צוריקבאקומונג אפליקאציע צו די דיסטריקט ביז דעצעמבער 31, 2023, אדער ביז 30 טעג פון ווען זיי באמערקן די גניבה, וועלכע עס איז שפעטער.

***פון ווי לאנג צוריק קענען מיר באריכטן גע'גנב'עטע בענעפיטן?***

עס זענען דא אנדערע אנווייזונגען פאר קעש און SNAP.

**פאר קעש:** צוריקבאקומען קעש בענעפיטן איז באגרעניצט צו געשווינדלטע טראנזאקציעס פון אויף אדער נאך **יאנואר 1, 2022**.

**פאר SNAP:** צוריקבאקומען SNAP בענעפיטן איז באגרעניצט צו געשווינדלטע טראנזאקציעס פון אויף אדער נאך **אקטאבער 1, 2022, און ביז סעפטעמבער 30, 2024. געשווינדלטע SNAP בענעפיטן פון נאך סעפטעמבער 30, 2024 קענען נישט צוריקגעגעבן ווערן.**

***וואס איז אויב מיינע בענעפיטן זענען גע'גנב'עט געווארן מער ווי איין מאל? איז דא א באגרעניצונג אויף וויפיל מאל איך קען אריינגעבן א קלעים?***

עס זענען דא אנדערע אנווייזונגען פאר קעש און SNAP.

**פאר קעש:** הויזגעזונדער קענען נישט צוריקבאקומען מער ווי צוויי (2) קעש בענעפיטן פאר די צייט צווישן יאנואר 1, 2022 און סעפטעמבער 30, 2022. דערפאר, קענען נישט הויזגעזונדער צוריקבאקומען מער ווי צוויי (2) קעש בענעפיטן אין איין פעדעראלע פיסקאלע יאר (אקטאבער 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2023, און אקטאבער 1, 2023 ביז סעפטעמבער 30, 2024). נאך סעפטעמבער 30, 2024, וועלן הויזגעזונדער נאר קענען צוריקבאקומען איין (1) קעש בענעפיט אין איין פעדעראלע פיסקאלע יאר.

**פאר SNAP:** הויזגעזונדער קענען נישט צוריקבאקומען מער ווי צוויי (2) SNAP בענעפיטן אין איין פעדעראלע פיסקאלע יאר (אקטאבער 1, 2022 ביז סעפטעמבער 30, 2023, און אקטאבער 1, 2023 ביז סעפטעמבער 30, 2024).